"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת ואתחנן-נחמו ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון י"ג ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

**פטרון סדר דברים**
הרוצה בעילום שמו
לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר
בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא

# בר בטחתי

## אל תבטחו בנדיבים;
### יעדער מענטש האָט בטחון; די פראַגע איז אויף וועמען?

יום ראשון קורח כ"ז סיון תשע"ט

א

## שברו על ה' אלקיו; נוץ דיין 'בטחון' אויף די ריכטיגע פלאַץ

### די ערשטע תועלת פון בטחון:

אין דעם בעל פתיחה פון דעם חובת הלבבות רעכנט ער אויס אַ גאַנצע ליסטע פון 'תועלת'ער' וואָס דער מענטש באַקומט דורך די מצוה פון בטחון. דער חובת הלבבות זאָגט קלאָר אַז דאָס איז נישט די גאַנצע ליסטע, ווייל יעדעס מאָל ווען ער זאָגט נאָך אַ תועלת הייבט ער אָן מיט דאָס לשון "ומהם", וואָס מיינט אַז "איך זאָג דיר בלויז אַ טייל זאַכן פון די ליסטע איבער די תועלת וואָס דו גייסט האָבן פון בטחון".

די ערשטע תועלת זאָגט דער 'חובת הלבבות', וזה לשונו:

**"ותועלותיו בו בתורתו, מהם מנוחת נפשו ובטחונו על אלוקיו יתברך, כמו שהעבד חייב לבטוח על אדוניו, מפני שאם איננו בוטח באלוקים - בוטח בזולתו, ומי שבוטח בזולת ה' מסיר האלוקים השגחתו מעליו, ומניח אותו ביד מי שבטח עליו, ויהיה כמי שנאמר בו** (ירמיהו ב, יג) **"כי שתים רעות עשה עמי אותי עזבו מקור מים חיים, לחצוב להם בארות בארות נשברים", ואמר** (תהלים קו, כ) **"וימירו את כבודם בתבנית שור אוכל עשב."**

דאָס הייסט אַז דורך בטחון באַקומט מען אַ געוואַלדיגע מנוחת הנפש, מען פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן, פונקט ווי אַן עבד איז חייב זיך צו פאַרלאָזן אויף זיין אדון, ווייל ער האָט דאָך נישט קיין אַנדערע ברירה, דער אדון גיט אים אַלעס, אַזוי לעבט דער בוטח בה'. אָבער איינער וואָס האָט נישט בטחון אין השי"ת, האָט אויטאָמאַטיש בטחון אין אַ צווייטן, און אַזאַ איינער וואָס האָט בטחון אין אַן אַנדערן לאָזט דער רבוש"ע אָפּ זיין השגחה פון אים: **"דו ווילסט באַקומען פאַרזיכערונג פון ערגעץ אַנדערש, נו נו, איך לאָז דיך פּרובירן".**

דער חובת הלבבות ברענגט דערנאָך אַסאַך פּסוקים צו אַרויסברענגען די נקודה: מיין נישט אַז אויב דו האסט נישט געהאַט בטחון האָסטו בסך הכל גאָרנישט געטון! ווייל דו האסט זיך דורכדעם פאַרלאָזט אויף אַ צווייטן! ווי דער אויבערשטער זאָגט פאר ירמי' הנביא, אידן האָבן געטון צוויי שלעכטע זאַכן - איינס זיי האָבן מיך איבערגעלאָזט, און דאָס צווייטע, זיי האָבן זיך געגראָבן אַנדערע גרובער. די זעלבע זאַך שטייט אין תהלים: אידן האָבן איבערגעטוישט די כבוד פון השי"ת פאר די כבוד פון עבודה זרה, רח"ל.

### אַ יסוד אין 'תורת הנפש'; יעדער האָט בטחון

אַז מען לערנט גוט אָפּ די ווערטער, שטייט דאָ אין חובת הלבבות אַ טיפע דערהער וויאַזוי די מח פון דעם מענטש אַרבעט און מיר באַמערקן דאָס אפילו נישט.

דער חובת הלבבות זאָגט: **"צום אַלעם ערשטן, לאָמיר דיך עפּעס זאָגן וועגן דיין נפש, און נאָכדעם וועסטו פאַרשטיין פאַרוואָס אָן קיין בטחון הייבט זיך נישט אָן קיין שום עבודת ה'."**

> דאָס ליגט ממש אין אונזער 'די. ען. עי.' מיר זענען געבוירן מיט דעם נאַטור.

איינס פון די גרעסטע טעותים וואָס מיר האָבן איז, אַז מיר מיינען אַז אפילו ווען מען האָט נישט קיין בטחון אין אויבערשטן האָט מען גאָרנישט געטון; דער מענטש גייט אינדערפרי אין כולל לערנען און ער פרעגט: "וואו קומט דאָ אַריין בטחון?! אויב כ'האָב נישט געהאַט יעצט קיין בטחון, וואָס האָט איך געטון שלעכטס?!"

קומט דער חובת הלבבות און ערקלערט אונז אַז: **"דו האסט סייווי בטחון! די שאלה איז אויף וועמען דו זאָלסט האָבן בטחון!".**

ווען אַ אינגערמאַן איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי און געגאַנגען אין כולל, פרעגט אים דער חובת הלבבות אַ שאלה: פאַרוואָס ביזטו היינט געגאַנגען אין כולל? אויב וואָלסטו נישט מצליח געווען אין כולל במשך דעם גאַנצן זמן, דו וואָלסט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען לערנט דאָרט, און דיינע חברותות וואָלטן געלאַכט פון דיר, וואָלסטו דעם קומענדיגן זמן צוריקגעגאַנגען דאָרט? אודאי נישט! אַלזאָ וואָס איז די סיבה אַז דו גייסט יעצט יאָ צוריק? ווייל דו שפירט אַז דו גייסט היינט מצליח זיין דאָרט! פאַרוואָס שפירסטו אַזוי? אָה, ווייל דו האסט בטחון אין דיינע כשרונות! ביזט רואיג אַז לויט דיינע פעאיגקייטן וועסטו מצליח זיין!.

### יעדער מענטש וואָס איז אַקטיוו מיט סיי וואָס, פאַרלאָזט זיך אויף עפּעס

ווען מען רופט אַ בעל מלאכה וואָס קען פאַרריכטן זאַכן, און מען צייגט אים אַ פּראָבלעם, וועט ער זאָגן: "איך וועל עס מסדר זיין", פרעגט מען אים "וויאַזוי ווייסטו אַז דו וועסט קענען דאָס פאַרריכטן", זאָגט יענער: **"לאָז שוין אָפּ, כ'האָב שוין געטון אַזעלכע זאַכן טויזנט מאָל". - ער איז זיך בוטח אויף זיינע טאַלאַנטן!**

יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש טוט עפּעס קומט דאָס וויבאַלד ער איז פאַרזיכערט אַז ער גייט מצליח זיין! אויב וואָלט ער נישט אַזוי געהאַלטן וואָלט ער קיינמאָל נישט אָנגעהויבן, ווייל קיינער זוכט זיך נישט סתם בזיונות און עגמת נפש!

### אויך ברוחניות האָבן מיר בטחון אין זיך זעלבסט

דער חובת הלבבות האָט באַמערקט אַז דער מענטש טוט די זעלבע זאַך ווען עס קומט צו רוחניות. ער איז מחליט אַז ער גייט לערנען, ער איז מחליט אַז ער גייט דאַווענען, ער גייט טון סיי וועלכע פון די תרי״ג מצוות. **פאַרוואָס האָסטו זיך איינגערעדט אַז עס גייט קלאַפּן? "ווייל איך קען! איך ווייס! כ'בין נישט קיין קינד!"**... דער מענטש האָט זיך יעצט בוטח געווען בעצמו. מען כאַפּט נישט וואו טיף דאָס גייט, ווייל דאָס ליגט ממש אין אונזער 'די.ען.עי.' מיר זענען געבוירן מיט דעם נאַטור.

ווען עס קומט צו שמונה עשרה, איידער מען שטעלט זיך דאַווענען זאָגט מען: "ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך", מיר זאָגן קלאָר אַז מיר קענען נישט רוקן אונזער מויל, אפילו אויב נעכטן האָבן מיר דאָך יאָ געקענט, ווייל דער רבוש"ע איז אונז מחי' יעדע סעקונדע, און **אויב איך האָב נעכטן געקענט מוז נישט זיין אַז היינט וועל איך קענען,** דערפאַר דאַרף איך בעטן 'ה' שפתי תפתח' ווייל אָן אים קען איך גאָרנישט!

ב

# ברוך הגבר אשר יבטח בה'; דער מענטש שעפּט חיות פון דעם פלאַץ וואו ער באַקומט זיין בטחון

### די רואיגקייט גיט פאַר'ן מענטש אַ שטיק חיות

אַצינד זאָגט דער חובת הלבבות: נאָכדעם וואָס דו פאַרשטייסט גוט דעם חלק, אַז יעדער מענטש האָט בטחון, אויב נישט אויפ'ן באַשעפער דעמאָלט אויף אַ צווייטן, וועל איך דיך פאַרציילן איינס פון די סודות הבריאה, אַז **דאָס פלאַץ אויף וואָס דו ביזטו זיך בוטח באַקומסטו יעצט דיין חיות פון דאָרט!**

ווען דער מענטש דאגה'ט אויף עפּעס און גיט אַ טראַכט "עס וועט זיין בסדר" און איז געוואָרן צוליב דעם רואיגער, **הייסט דאָס אַז ער האָט יעצט באַקומען אַ שטיקל חיות.** ווייל ווען דער מענטש איז פאַר'דאגה'ט און טרויעריג, האָט ער נישט קיין כח, ער ליגט אין בעט אָן קיין חיות! ווען באַקומט דער מענטש אַ מוט און אַ לעבעהאַפט? ווען ער זאָגט זיך אַז ס'וועט זיין בסדר! **אָט די רואיגקייט גיט אים אַ נייע חיות.**

### נעמען דאָס חיות פון 'בטחון בהשם' נישט פון 'בטחון בעצמו'

אויב קומט די רואיגקייט פון אַ ריכטיגע פלאַץ, אַז דער רבוש"ע איז אַ טוב ומטיב און ער וועט זיכער העלפן, האָסטו יעצט באַקומען חיות פון אַ גוטע פלאַץ! האָסטו באַקומען דיין חיות פון השגחה וואָס וועט דיר ברענגען הצלחה!

אָבער אויב קומט עס פון אַ פלאַץ אַז "איך בין דאָך אַ בעל כשרון, כ'וועל זיך שוין אַן עצה געבן", "איך האָב אַ מיטינג, אָבער כ'בין שוין געווען ביי מיטינגען, כ'ווייס וויאַזוי מען מאַכט דאָס"... האָסטו זיך יעצט געגעבן די רואיגקייט און די חיות פון אַ פלאַץ וואָס האָט נישט מיט'ן רבוש"ע, וואָס דער נביא זאָגט דערויף "אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארות בארות נשברים"! קען זיין אַז דו וועסט אין אָנהויב זען אַ הצלחה מדומה, אָבער צום סוף וועט דאָס נישט אַרבעטן.

ווען אַ איד זעצט זיך לערנען, אויב פאַרלאָזט ער זיך אויפ'ן אויבערשטן, אַז ער וועט אים העלפן פאַרשטיין די תורה, דעמאָלט איז 'אשרי לו ואשרי חלקו'! אָבער אויב גייט ער צו צום לערנען מיט אַ רואיגקייט אַז 'ער איז דאָך אַ בעל כשרון ער האָט אַלעמאָל באַקומען הונדערט אויף די בחינות', דעמאָלט ער האָט זיך בוטח געווען אין אַן אַנדערע זאַך, נישט אויפ'ן באַשעפער!

ג

די זעלבע זאַך איז ביי די מצוה פון פריה ורביה אָדער יעדע אַנדערע מצוה; אויב מען טוט דאָס ווייל אַזוי האָט דער רבוש"ע געהייסן און איך פאַרלאָז זיך אויף אים "וידעתי כי הננו בידך לבד כחומר ביד היוצר", דאָס גיט מיך רואיגקייט, איך באַקום מיין חיות דערפון, דעמאָלט האָט מען געטון די מצוה ריכטיג. אָבער אויב מען באַקומט די רואיגקייט פון עפּעס אַנדערש, איז מען געווען דאָס פאַרקערטע פון אַ בוטח בה'!

### ווען מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע כוחות געפינט מען זיך אין אַ געפאַר

אַצינד איז דאָך אַ פּשוט'ע זאַך אַז מען קען נישט אָנהויבן עבודת ה' נאָר מיט בטחון. ווייל אַז מען האָט נישט קיין בטחון וויאַזוי קען מען מצליח זיין אין עבודת ה'?!

אַ מענטש איז נכשל געוואָרן, ער האָט געקוקט וואָס מ'טאָר נישט, און אַצינד איז ער צעבראָכן - "וויאַזוי האָט אַזאַ זאַך געקענט געשען צו מיר?!", זאָגט מען אים: "**פאַרוואָס האָסטו זיך בכלל איינגערעדט אַז דו גייסט מצליח זיין? ווייל האָסט זיך פאַרלאָזט אויף דיר!**" - ביזט געווען זיכער אַז ס'איז שוין אַזוי לאַנג וואָס דו האַלטסט זיך, דעריבער וועט יעצט אויך זיין גוט! ביזט געווען רואיג אַז דו ביזט נישט אין אַ מקום סכנה, דערפאַר ביזטו אַזוי איבערראַשט פון דיין נפילה! אָבער דאָס איז געווען אַ גרויסע טעות! ווייל אודאי ביזטו געווען אין אַ מקום סכנה, ווילאַנג דו האָסט זיך פאַרלאָזט אויף דיינע אייגענע כוחות און האָסט געשעפּט דיין חיות פון אַנדערע פלעצער, נישט פון דעם רבוש"ע!

> **אַמאָל קען מען אַלעס טון, מען קען אפילו מיינען אַז מען האָט מצליח געווען, אָבער ס'האָט דיך נישט געברענגט די 'אור' פון דער תורה!**

די איינציגע עצה זיך צו ראַטעווען איז צו בעטן: "**יהי רצון מלפניך ה' אלוקינו ואלוקי אבותינו שתרגילנו בתורתך... ואל תביאנו לא לידי חטא ולא לידי עבירה ועוון ולא לידי ניסיון ולא לידי ביזיון ואל תשלט בנו יצר הרע...**" אָבער דו ביזט עס דורכגעלאָפן ווייל דו ביזט דאָך מסודר... אצינד נאָך אַ לאַנגע צייט פלוצים ביזטו דורכגעפאַלן, מיט אַ לא תעשה אָדער מיט אן עשה, וויאַזוי האָט דאָס יעצט פּאַסירט ? וואָס איז בכלל די קשיא? **ווייל דו האסט זיך פאַרלאָזט אויף עפּעס וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט'ן רבוש"ע!**

א רואיגער געשמאַקער מענטש טרעפט זיך איין טאָג אַז ער איז געוואָרן אין כעס, ער האָט זיך פאַרלוירן און זיך אויפגערעגט. **ווייסט פאַרוואָס דאָס האָט פּאַסירט? ווייל ביזט געווען בוטח אַז דו דאַרפסט נישט דאַווענען אויף כעס!** ביי "אתה חונן" האָסטו געבעטן; ביי "רפאינו" האָסטו אינזין געהאַט; אָבער ווען ביזט אָנגעקומען צו די ווערטער "שלא אכעוס היום" ביי "אלקי נצור" האָסטו נישט צופיל צוגעלייגט קאָפּ, ווייל 'איך דאַרף דאָך נישט, וואָס האָב איך מיט כעס'... האָסטו דאָך דעמאָלט באַקומען דיין חיות פון די סטרא אחרא, וויאַזוי ווילסטו נישט נכשל ווערן מיט כעס?!

ווען דו מאַכסט דעם 'חשבון הנפש' ביי ק"ש שעל המטה, טראַכט אַריין אַז **דו ביזט נכשל געוואָרן מיט כעס צוליב דעם וואָס דו האסט זיך פאַרלאָזט אין דיר, און נישט אויפ'ן באַשעפער.** זיי זיך מקבל אַז דו גייסט זיך מער נישט בוטח זיין בעצמך נאָר דו גייסט האָבן בטחון בה'!

# חזק ויאמץ לבך; אונזער עבודה איז צו טוישן צוביסלעך די מחשבה פון 'פאַלשע בטחון' צו 'אמת'ע בטחון'

## די ריכטיגע אָפּטייטש פון דאָס וואָרט בטחון

מען קען אַמאָל בטעות פאַרטייטשן אַז דאָס וואָרט 'בטחון' באַדייט: "זיי נישט פאַר'דאגה'ט! אַז האסט נישט קיין געלט, זאָרג זיך נישט!". דאָס איז אָבער די הבנה פון כתה אלף... **דער חובת הלבבות לערנט אונז אַז 'בטחון' איז אַ מציאות וואָס דו האסט סייווי!**

ווען דו האסט נישט קיין בטחון וואָלסטו יעצט געליגן אין בעט און נישט אַרויסגעקומען פון דאָרט... **אויב דו ביזט אַקטיוו, דו טוסט סיי וואָס אויף דער וועלט, האָסטו אַ שטאַרקע פעסטע בטחון, און פון דעם בטחון ביזטו מקבל דיין חיות!** דאַרפסט נאר זיכער מאַכן אַז דיין בטחון קומט פון דעם גוטן פּלאַץ! אַז נישט וועסטו טאַקע האָבן א.ג. הצלחות, אָבער דער סוף וועט חלילה זיין אַ דורכפאַל.

## אָן קיין אמת'ע בטחון באַקומט מען נישט די 'אור' פון דער תורה

דאָ ליגט נאָך אַ קנייטש:

ווען מיר ווילן מצליח זיין אין די תורה און מצות וויל מען דאָך אַז ס'זאָל אונז ברענגען די ליכטיגקייט פון דער תורה. אַמאָל קען מען אַלעס טון, מען קען אפילו מיינען אַז מען האָט מצליח געווען, אָבער ס'האט דיך נישט געברענגט דער 'אור' פון דער תורה! ס'האָט חלילה געברענגט אפשר דאָס פאַרקערטע. אויב די הצלחה קומט נישט פון בטחון בה' נאר אין בטחון בכוחי ועוצם ידי, איז דאָס נישט קיין הצלחה, ווייל וויאַזוי קען מען אַזוי ממשיך זיין די אור התורה דורכ'ן לערנען?

דער גרויסער גאון, רבי **שלמה קלוגער** זצ"ל, וואָס האָט מחדש געווען גאַנצע פּאָליצעס פון ספרים, ממש למעלה מדרך הטבע, האָט **יעדן איינציגן טאָג אויסגעזאָגט דעם גאַנצן ספר תהלים!** וויאַזוי האָט ער געהאַט די צייט דערצו?! נאר דאָס איז טאַקע די תשובה! עס גייט נישט אַנדערש! ווי חז"ל זאָגן: "לא נתנה תורה אלא לאוכלי המן". בלויז איינער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת און בעט זיך אים, ער איז זוכה צו מקבל זיין דעם אור התורה!

## מיר דאַרפן בלויז אָנהויבן צו טוישן די מחשבות

ווען מען לערנט אַזעלכע יסודות דאַרף מען געדענקן אַז למעשה רעדט דער חובת הלבבות צו אונז פּשוט'ע מענטשן, און אודאי קענען מיר זיין ווייט דערפון, אָבער אַזויפיל פאַרלאַנגט מען פון אונז: אַז מיר זאָלן גיין אין מלחמה! דאָס הייסט אַז ווען ס'קומט אַ מחשבה פון פאַלשע 'בטחון'; אַ מחשבה אַז מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע כשרונות אָדער מען פאַרלאָזט זיך אויף אַנדערע זאַכן, זאָל מען דאָס גלייך פּרובירן צו טוישן! מען זאָל זיך 'דינגען' מיט יענע מחשבה און אַריינברענגען אין מח א מחשבה פון 'בטחון בהשם' קעגן דעם.

מען פאָדערט נישט פון הימל אַז מיר זאָלן שוין גלייך זיין אויף אַזאַ הויכע מדריגה, אַז מיר זאָלן ממש נישט האָבן קיין שום בטחון נאר אין השי"ת אליינס, אָבער מיר דאַרפן כאָטש וויסן אַז אַזעלכע מחשבות פון 'בטחון בעצמו' קומען פון דעם סטרא אחרא און מיר זאָלן זיך קריגן דערמיט.

דער פּסוק זאָגט "**ולא תתורו אחרי לבבכם - זו מינות ואחרי עיניכם - זו עריות**". איז באַקאַנט וואָס צדיקים טייטשן אַז דער עיקר עבודה פון אַ איד איז "אחרי עיניכם", **נאָכדעם וואָס מען האָט שוין געהאט אַ ראי' זאָל מען נישט ממשיך זיין, מען זאָל מסיח דעת זיין דערפון.** דאָס זעלבע איז גילטיג אויך ביי די ענינים פון בטחון- "אחרי לבבכם", ווען ס'קומט אַריין אַ מחשבה: "איך בין אַ מוצלח, כ'וועל דאָס קענען מאַכן ווייל כ'האָב זיך שוין אַן עצה געגעבן ביז יעצט", **איז אונזער אַרבעט דאָס צו געבן אַ טויש און זיך דערמאַנען: "איך האָב יעצט געטראַכט נישט ריכטיג"!** ווען דער מענטש זאָגט דאָס האָט ער געטון וואָס ער דאַרף!

## ווען מען זיך נישט מיישב מיט דעם פאַלשן בטחון באַקומט מען נישט קיין חיות דערפון

ווען איינער מיינען אַז דאָס איז בלויז אַ שטיקל חיזוק... דער אמת איז אָבער דאָס איז למעשה די עיקר עבודה, ווייל במציאות, **ווילאַנג דער מענטש האָט זיך נאָכנישט באַקוועם געמאַכט מיט דער מחשבה באַקומט ער נאָכנישט זיין חיות און זיין תענוג דערפון.** ווען באַקומט ער דעם חיות? ווען ער זיצט דערינען!

> **ווילאַנג דער מענטש האט זיך נאכנישט באַקוועם געמאַכט מיט דער מחשבה באקומט ער נאכנישט זיין חיות און זיין תענוג דערפון. ווען באַקומט ער דעם חיות? ווען ער זיצט דערינען!**

צום ביישפּיל, ווען אַ מענטש טראַכט וויאַזוי ס'גייט אויסקוקן ווען ער וועט גיין אויף וואַקאַציע, אויב עס לויפט אים בלויז דורך אין מח אַזאַ מחשבה, האָט ער נאָכנישט דערפון קיין חיות. אָבער אויב ער גייט אַריין דערינען מיט זיין גאַנצע דמיון, ער דמיונ'ט שוין וואו ער זיצט ביים וואַסער, דעמאָלט ברענגט אים עס אַ געוויסע רואיגקייט.

דאָס זעלבע איז ביי דעם ענין פון בטחון. **די ערשטע מחשבה'לע ברענגט נאָכנישט די רואיגקייט און חיות פאַר'ן מענטש.** מען קען נאָך דעמאָלט מאַכן אַז די ריכטיגע חיות און רואיגקייט זאָל מען באַקומען פון דעם וואָס מען גלייבט אַז דער אויבערשטער איז טוב ומטיב און ער פירט אַלעס. **ביזט נאָכנישט נכשל געוואָרן!** דאָס איז דיין אַרבעט יעדעס מאָל ווען ס'קומט אן אַזאַ מחשבה, אַז דו זאָלסט דאָס טוישן. אַזוי ווערט דער מענטש צוביסלעך אינגאַנצן איבערגעביטן.

## האָבן בטחון אַז מען גייט זוכה זיין צו האָבן בטחון

לאָמיר ענדיגן מיט אַ בריוו פון הרה"ק רבי אלעזר מריישא זי"ע וואָס שרייבט אַ הפלא'דיגע זאַך, וז"ל:

**לכן אמר הנביא** (שעיה כו, ד) **"בטחו בה' עדי עד" ולא "בטחו בה' תמיד", כי להיות בביטחון תמיד הוא מדרגה גדולה מאוד ומעטים בלבד הגיעו למדרגה זו אשר אינם זזים מן הביטחון כיתד שלא תמוט, אך כיון שצריך ללכת ממדרגה למדרגה, לכן צריך לאדם שיבטח בה' שיהיה לו ביטחון, שהרי הביטחון אף הוא ממצוות התורה, וכפי שצריך ביטחון כדי לקיים את מצוות התורה כן צריך ביטחון כדי לקיים את מצות הביטחון, וזהו "בטחו בה' עדי עד" עד הוא בגימטריה בטחון עם הכולל. בטחו בה' עדי יהיה לכם ביטחון המרומז בתיבת עד.**

דאָס הייסט אַז צו האָבן אמת'ע בטחון אַלעמאָל איז אודאי זייער אַ גרויסע מדריגה וואָס ווייניג מענטשן זענען אָנגעקומען דערצו, אָבער טאַקע דערפאַר דארף אַ איד האָבן בטחון אין דעם אויבערשטן אַז ער וועט האָבן בטחון! ווייל בטחון איז דאך אויך איינס פון די מצות אין די תורה, און פּונקט ווי מען דאַרף האָבן בטחון כדי צו קענען מקיים זיין אַלע אַנדערע מצוות, **דאַרף מען אויך האָבן בטחון צו מקיים זיין די מצוה פון בטחון!**

דערמיט טייטשט ער דעם פּסוק "**בטחו בה' עדי עד**" - האָב בטחון אַז דער רבוש"ע גייט העלפן אַז דו גייסט אודאי האָבן בטחון. אפילו דו זעהסט זיך אַזוי ווייט דערפון. האסט שוין פּרובירט אַסאַך און יעדעס מאָל ביזטו געבליבן געשטראַנדעט, ביזט געוואָרן מבלבול און זאַכן האָבן נישט געשטימט, **דאָס איז ווייל דו האסט נישט געהאַט בטחון אַז דו גייסט האָבן בטחון!** הייב אן האָבן בטחון אַז דער אויבערשטער וועט דיך העלפן צו האָבן בטחון, וועט זיך דיר עפענען אַ נייע לעכטיגע לעבן מיט אמונה!

# בין המצרים

## ובאש אתה עתיד לבנותה;

**ירושלים ווערט אויפגעבויעט דורך אידישע הערצער פון 'קרבת אלקים'**

ליל תשעה באב שנת תשפ"ב לפ"ק

### א

# השליך משמים ארץ תפארת ישראל; די ווייטאָג ווען ס'איז נישט פאַרהאַן קיין לעבן פון נאָנטקייט מיט השי"ת

### די טיפע קשר של אהבה בין ישראל לאביהם שבשמים

מען זעט אַסאַך מאָל אין די פסוקים אַז דער קשר צווישן אידישע קינדער מיט'ן רבוש"ע איז נישט בלויז אַ טעכנישע טרוקענע קשר, נאר **דאָס איז אַ טיפע פנימיות'דיגע קשר וואָס איז מיוסד אויף אַ מורא'דיגע אהבה**, ווי מען האָט עס טאַקע געקענט זען אין בית המקדש "שהיו מעורין זה בזה".

און אַז אונזער דביקות בה' ווערט נמשל צו אַ קשר של אהבה צווישן צוויי גוטע פריינד, קענען מיר זיך זיכער לערנען פון דעם גשמיות'דיגן קשר, וויאַזוי מיר דאַרפן זיך אויפפירן ווען עס קומט צו אויפבויען אונזער ירושלים אין האַרץ.

דאָס מציאות איז אַז ביי יעדע נאָנטע קשר, צי איז דאָס ווען אַ מענטש האָט חתונה, צי איז דאָס אַ נאָנטשאַפט צווישן חברים, א.א.וו. קען אַסאַך מאָל זיך מאַכן פאַרשידענע פּראָבלעמען, ווען איינער פון די צוויי האָט געזאָגט עפּעס, אָדער האָט געטון עפּעס, וואָס האָט גורם געווען אַז דער צווייטער זאל ווערן געטשעפּעט.

ס'איז דעריבער אַ גרויסע אַרבעט, און אַ לעבנסלענגליכע אַרבעט, צו **אָנהאַלטן אַז דער קשר זאל אַלעמאָל בלייבן**. דאָס איז באמת נישט קיין לייכטע זאַך, ווייל דער מענטש דאַרף קענען באַזייטיגן אַלע זיינע געפילן פון גאוה און אייגענע חשבונות, ער דאַרף ווערן אין אַן אויסגעהאַלטענער מדריגה 'בין אדם לחבירו'.

די זעלבע זאַך שפּילט זיך אָפּ מיט אונזער קשר 'בין ישראל לאביהם שבשמים'. אַלע תרי"ג מצוות זענען געבויעט געוואָרן צו בויען אָט דעם קשר! ווי דער זוהר הק' זאָגט אַז די 613 מצוות זענען "תרי"ג עיטין", ס'איז 613 עצות וויאַזוי צו אָנהאַלטן אונזער דביקות מיט'ן רבוש"ע.

### די כללים פון 'בין אדם לחבירו' לערנט אונז די כללים פון דביקות בה'

יעדע מצוה האָט אַ פּשטות'דיגע וועג וויאַזוי דאָס קען אונז ברענגען צו אַ נאָנטקייט מיט'ן אויבערשטן. דאָס איז נישט קיין היכע זאַכן, נאר דאָס אַרבעט בפועל ממש. יעדע מצוה לערנט אונז אַ וועג צו דביקות בה'.

אויך די מצוות פון 'בין אדם לחבירו' זענען געמאַכט געוואָרן אויף דעם, אונז אויסצולערנען וויאַזוי צו בויען דעם קשר בין ישראל לאביהם שבשמים.

ווען אַ מענטש וויל האָבן אַ גוטן קשר בין אדם לחבירו דאַרף ער זיך צוגעוואוינען צו לעבן מיט 'הכנעה' און מיט אַ 'ביטול', צו קענען זיך איינהאַלטן ווען יענער פאַרשעמט אים, צו קענען איבערבעטן אפילו ווען ס'איז נישטאָ פאַרוואָס, צו האָבן אַ 'שברון לב', - נישט קיין צעבראָכן האַרץ וואָס ברענגט עצבות, נאר אַ צעבראָכן האַרץ וואָס מאַכט אַז מען זאָל נישט זיין אַזאַ 'יש', מען זאָל אַלעמאָל קענען זיין דער 'נותן' און נישט דער 'מקבל', ווייל ער איז אינדרויסן פונעם בילד. (פאַרשטענדליך אַז מ'רעדט ווען דאָס קומט פון אַ געזונטע פלאַץ אין דעם נפש האדם, און ער האָט ליב ווען ס'איז פאר יענעם גוט).

דער תכלית פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז אַ מענטש זאל אַרבעטן אויף אַזאַ צוגאַנג איז **כדי דער מענטש זאל פאַרשטיין וויאַזוי עס אַרבעט זיין קשר מיט'ן רבוש"ע**. ווייל צו לעבן מיט ירושלים אין האַרץ דאַרף מען לעבן מיט אַ ספּעציעלע פּערזענליכע קשר מיט'ן אויבערשטן, ווי דער הייליגער **רמב"ן** שרייבט אין פרשת עקב אַז אַ איד קען זוכה זיין צו אַזאַ דביקות בה', אַז אפילו ווען ער רעדט מיט אַנדערע מענטשן איז ער די גאַנצע צייט דבוק במחשבתו צום אויבערשטן.

### מען דאַרף זיך צוריקהאַלטן פון זאַכן וועלכע זענען פוגע אין דעם קשר

ווען דער מענטש וועט לערנען די כללים וויאַזוי צו לעבן מיט אַנדערע מענטשן און ער וועט אַרבעטן אויף זיך, וועט ער פאַרשטיין אַז **די אַלע כללים זענען למעשה עצות וויאַזוי צו לעבן מיט אַ נאָנטקייט צום אויבערשטן!** אַלעס וואָס מאַכט פּראָבלעמען ביי דעם קשר 'בין אדם לחבירו', מאַכט אויך פּראָבלעמען ביי דעם קשר 'בין אדם ליוצרו'.

דער מענטש דאַרף כאַפּן אַז ווען ער טוט אַ מצוה אָדער אַן עבירה איז עס נישט בלויז אַ טעכנישע זאַך וואָס ער האָט יאָ אָדער נישט געטון, **נאר ס'איז אַ פּערזענליכע טיפע קשר!** - דעריבער איז פאַרהאַן אַזעלכע סאָרט זאַכן וואָס ער טאָר נישט טון, פונקט ווי 'בין אדם לחבירו' איז דאָ זאַכן וואָס ברענגט אַז דער צווייטער זאל נפגע ווערן, אַזוי אויך איז דאָ 'בין אדם ליוצרו' זאַכן וואָס שוואַכן כביכול אָפּ דעם קשר.

הגם דער רבוש"ע איז אודאי למעלה מהשגתינו ווייל ער אָבער אַז דער מענטש זאל פאַרשטיין אַז **נאָכדעם וואָס ער האָט געטון אַן עבירה קען ער נישט קומען יעצט צו אַ דאַווענען כאילו לא הי'!** האָסט געערעדט וואָס מען טאָר נישט, האָסט מצער געווען אַ איד, האָסט מצער געווען דעם רבוש"ע און יעצט שאַקלסטו זיך ביי שמונה עשרה?! בעט איבער דעם חבר! זיי מפייס דעם רבוש"ע! טו תשובה איידער דו שטעלסט זיך דאַווענען! זאָג פאַר'ן אויבערשטן- "איך בין נכשל געוואָרן, העלף מיר רבוש"ע, אַז ס'זאָל מער נישט פּאַסירן, העלף מיר אַז איך זאָל דאָס קענען פאַררעכטן".

### לאָמיר זיין אמת'דיג מיט זיך אליינס

איינס פון די יסודות'דיגע כללים וואָס איז דאָ ביי אַ קשר פון 'בין אדם לחבירו' איז אַז **דער מענטש זאָל זיין אמת'דיג מיט זיך אליינס**. ער זאָל זיין אויפריכטיג מיט זיינע אייגענע געפילן און זיך נישט אליינס אָפּנאַרן אָדער זיך באַהאַלטן הונטער אייגן - געמאַכטע מחיצות.

צום ביישפּיל ווען ער ווערט געוואויר אַז ער האָט עפּעס געטון וואס האָט גורם געווען אַ צער פאַר'ן חבר, זאָל ער קענען זאָגן בפה מלא: "איך האָב געהאַט אַ טעות, דו ביזט גערעכט". אַזאַ צוגאַנג איז פשוט געזונט פאַר'ן נפש. ער דאַרף נישט נעמען זיין שוואַכקייט און דאָס אַרויפוואַרפן אויף אַ צווייטן, "דער איז שולדיג, יענער איז שולדיג"... נאָר ער קען מודה זיין אַז ער האָט געטון אַן עולה, און גיין ווייטער מיט'ן לעבן רואיג.

ווען אַ מענטש איז נישט געזונט בנפש, נעמט ער זיין אינערליכע ווייטאָג און וואַרפט עס אַרויף אויף אַן אַנדערן אָן קיין שום שייכות. ליידער קען מען יעדן טאָג זען אַזעלכע זאַכן ווען אַ מענטש שפּירט זיך שלעכט אינערליך, הייבט ער אַן פּלוצים צו שרייען אויף אַ צווייטן וואָס ווייסט נישט וואָס האָט אים דאָ באַטראָפן.

יעדער וואונדערט זיך: "וואָס ווילסטו פון יענעם האָבן", אָבער דער אמת איז **דער מענטש איז פאַרווייטאָגט צוליב עפּעס אַ סיבה, און יעצט גיט ער זיך פשוט אויס זיין צער אויף אַ צווייטן**, וואָס ווייסט ניטאָמאָל פאַרוואָס ער האָט זוכה געווען צו אַ 'קיתון של שופכין'...

ווידעראום ווען דער מענטש איז געזונט בנפש האָט ער נישט מורא צו טראַכטן און צו זאָגן דעם אמת: "איך האָב געטון אַ זאַך וואָס טויג נישט, דעריבער בין איך אַזוי צעבראָכן". ער האָט נישט מורא צו זען זיינע אייגענע שוואַכקייט. **"איך בין יעצט בצער ווייל יענער האָט מיך געזאָגט אַ וואָרט און ס'פּאַסט מיר נישט פאר מיין גאוה, ס'איז בסדר"**... ער לערנט אָפּ זיינע געפילן, ער איז עס מגדיר מיט די ריכטיגע הגדרה און ער לאָזט נישט אַז דאָס זאָל אים אַריינקריכן טיף און אָפּשוואַכן זיין נפש ביז ער וועט זיין געצווינגען צו אויסגיסן זיין ווייטאָג אויף אַן אַנדערן...

די וועג וויאַזוי מען בויעט אויף אַזאַ צוגאַנג איז דורכדעם וואָס **מען האַלט קאָפּ, מען האָט אַ חשבון אויף זיך אליינס, מען געט אַכט וואו מען גייט און וואָס מען טוט**. נישט ווי קינדער וואָס האָבן נישט קיין פּראָבלעם צו ווערן פאַרשמירט, נאר ווען מען באַמערקט אַ פלעק אויפ'ן קלייד זאָגט מען גלייך צו זיך: "היינט האָב איך געהאַט די דורכפאַל, איך דאַרף דאָס באַהאַנדלן".

## אַנערקענען די אייגענע חסרונות

אָט די מהלך אין לעבן איז למעשה אַ כלי פאר עבודת ה׳ וואָס יעדער איד דאַרף אויפבויען ביי זיך. דאָס איז איינס פון די יסודות פון ׳חשבון הנפש׳, ווען אַ מענטש איז ׳געזונט׳ מיט זיין אייגענע נפש.

יעדעס מאָל ווען ער באַמערקט אַז ער איז צעבראָכן; ער שפירט אַז ער וויל נישט זיין מיט אַנדערע מענטשן; ער האָט נישט דעם געוועגליכן שמייכל; לערנט ער דאָס אָפּ: ״וואָס קוועטשט מיך אַזוי שטאַרק?!״, דאַן ווען ער טרעפט די סיבה, באַרואיגט ער זיך מיט אַביסל דביקות בה׳. ער זאָגט צו זיך: **״גוט אַז כ׳האב באַקומען אַ דערמאַנונג זיך צו רייניגן דאָס האַרץ פון מיין גאוה, ס׳איז געווען אַ שטיקל זיכוך״.**

אַז דער מענטש איז נאָכנישט ממש אין דער מדריגה זיך צו מחזק זיין בלויז מיט׳ן אויבערשטן, קען ער צולייגן די עצה פון ״דאגה בלב איש ישיחנה״, און זיך אויסרעדן פאר אַ צווייטן. אָבער טאַקע בלויז פאר אַ איד וואָס האָט אַ ׳ירושלים׳ אין האַרץ. **אויב וועט ער גיין צו איינעם וואָס לעבט נישט מיט׳ן אויבערשטן, וועט דאָך יענער אים געבן נאַרישע עצות,** וואָס וועט אים נאר מרחק זיין און וועט אים נאָכמער איינזינקן אין די בלאָטע.

ס׳איז דאך אַ חורבן צו גיין צו אַ יועץ וואָס ברענגט אַריין דעם מענטש אין דער עולם הזה. ״ווייל דו האסט אַזוי געטון איז אַזוי געשען״... מען זאָל זיך אויסרעדן פאר אַזאַ איינער וואָס וועט דיך באַרואיגן, אַז אַלעס איז דער אויבערשטער. אַזאַ איינער וועט דיך אויפהייבן און מחזק זיין, און דערמאַנען דעם אמת׳ן באַדייט פון לעבן, אַז מיר האָבן אַ רבוש״ע, אַלעס איז גוט!

## אַ געזונטע קשר פון אַ געזונטע נפש

ווען דער מענטש פאַרשטייט זיינע הרגשים און ער קען זאָגן יעדעס מאָל: ״איך האָט געשפירט אַזוי, ווייל איינער האָט מיך געזאָגט אַזוי״. דעמאָלט ווערט געזונט זיין נפש. ער קען לעבן רואיג מיט אַנדערע מענטשן אָן דעם וואָס יעדע קלייניגקייט זאל צעשטערן דעם קשר.

יעדעס מאָל וואָס ער שטאָלפּערט זיך אָן מיט אַ שטיקל ׳פּירוד לבבות׳, קען ער זיך שנעל באַרואיגן, ווייל ער מאַכט זיך דעם חשבון: ״פאַרוואָס בין איך אַזוי געטשעפּט?! פאַרוואָס האָב איך אַזוי מורא?! יענער קען מיך גאָרנישט אַוועקנעמען! ׳אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו׳״.

**מיט אַביסל אמונה און אַביסל בטחון גייט אַראָפּ די גאַנצע סיבה פאר די צער, און דעמאָלט דאַרף מען נישט אַזוי שווער אַרבעט צו אַוועקנעמען די מחלוקה, ווייל ער אליינס באַרואיגט זיך!** ער האָט אַ תענוג פון קרבת אלקים וואָס איז געשמאקער פון אַלעס.

דאָס איז געווען דער פּלאַן פון השי״ת, אַז דער מענטש זאָל זען וויאַזוי עס אַרבעט ׳בין אדם לחבירו׳, ער זאָל באַמערקן אַז ווען אַ מענטש איז געזונט, ער האָט אַ ביטול אין זיין נפש און ער קען רואיג מודה זיין על האמת, ער קען זאָגן: ״איך האָב געמאַכט אַ טעות״. **ער דאַרף נישט אַלעמאָל זיך פאַרענטפערן מיט נאַרישע תירוצים!** ער קען רעדן פון זיינע חסרונות! דעמאָלט קען ער האָבן אַ נאָנטע קשר מיט אַנדערע מענטשן, ווייל ער לעבט נישט מיט אַ ׳מחיצה׳ אַרום זיך, ער לעבט נישט פון דעם אַרומיגן כבוד און חנופה, נאָר ער האָט אַן אמת׳ן לעבן.

## אַז מען לעבט מיט אַן אָפנקייט האָט מען אַ גוטן קשר מיט׳ן רבוש״ע

מיר דאַרפן פאַרשטיין אַז פּונקט אַזוי ווערט אויך געבויעט די קשר מיט׳ן רבוש״ע. מען האָט שוין דערמאַנט אַז ווען אַ מענטש איז נישט געזונט בנפש צעקריגט ער זיך מיט מענטשן פאר גאָרנישט, בלויז ווייל ער איז אָנגעגעסן מיט אַנדערע צער.

ליידער טוען מענטשן די זעלבע זאַך מיט השי״ת, אויב מען איז נישט געזונט בנפש. **די פּסוקים רעדן שוין דערפון אַז דער מענטש קומט מיט טענות צום רבוש״ע, אין דער צייט וואָס ער איז זיך אליינס שולדיג אויף זיין מצב!**

דאָס קומט וויבאַלד דער מענטש שפּירט זיך אַזוי פראָסט און אַזוי ליידיג, צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געלערנט און נישט געדאַווענט, און נאָכדעם ווען ער כאַפּט אַ קלאַפּ, אָדער איינער האָט אים אַריינגעזאָגט, האָט ער נישט די כלים וויאַזוי דאָס צו אויפנעמען און ער וואַרפט אַרויף זיין רוגז כביכול אויפ׳ן באַשעפער, **אַנשטאָט ער זאָל בויען אַ קשר פון קרבת אלקים.**

די אַלע אידן וואָס זענען געקומען קיין ירושלים האָבן געלעבט מיט אַ געוואַלדיגע אהבה איינער מיט׳ן אַנדערן. ס׳איז געווען ׳עומדים צפופים ומשתחוים רוחים׳, ס׳איז געווען אַ שטאָט פון אהבה, ווייסט איר פאַרוואָס?! **ווייל זיי האָבן אויסגעמעקט פון זייער האַרץ די אַלע טענות און אנגעגעסענע צער קעגן אַנדערע.** זיי האָבן געברענגט קרבן עולות, זיי האָבן געברענגט חטאות און אשמות, וואָס דערמיט האָבן זיי אַלעס אויסגעמעקט, זיי האָבן נישט געלאָזט די פּרשיות׳לעך זאָלן זיך אויפבלאָזן.

## דער בעסטער גוטער פריינד איז השי״ת

יעדער איד קען אויסקלויבן צו לעבן אַזאַ סאָרט לעבן. **אין אָנהויב וועט עס טאַקע זיין אַביסל שווער, מ׳דאַרף עס דורכברעכן, אָבער דערנאָך וועט אים דאָס לעבן ווערן אַזוי זיס און אַזוי גליקליך!** ער איז נישט משועבד פאר זיין גאוה, און ער האָט נישט קיין פּראָבלעם אויפצוהייבן אַ טעלעפאָן און זאָגן פאר אַ צווייטן: ״איך בין זיך מודה אַז כ׳האָב נישט געדאַרפט זיך אַזוי אויפפירן. כ׳בין דורכגעפאַלן, כ׳האָב געטון אַן אומריכטיגע זאַך״. אַמאָל איז דאָס אַביסל אמת, און אַמאָל וועט ער דאָס זאָגן בלויז ׳מפּני דרכי שלום׳...

אַ איד וואָס האָט אַ נאָנטע קשר מיט׳ן רבוש״ע האָט די מעגליכקייט צו נעמען די שולד אויף זיך. ער דאַרף נישט פאַרדייען די פאַקטן ווייל ער מוז זיך באַרעכטיגן... **ס׳איז אים גוט אַזוי אויך!** ווייל ער שפירט אַזוי נאָנט צום אויבערשטן, ער איז פול און זאַט.

דורכדעם קען דער מענטש זוכה זיין צו האָבן אַזאַ נאָנטקייט כביכול צום רבוש״ע אַז ער זאָל נישט דאַרפן קיין אַנדערע חברים, ווי מען דערציילט אויף פריערדיגע צדיקים אַז אודאי האָבן זיי געהאַט ידידים זיך צו מייעץ זיין, אָבער זייער בעסטער חבר איז געווען דער רבוש״ע! דאָס איז זיי געווען גענוג!

## לעבן אמת׳דיג מיט השי״ת איז די בעסטע זאַך

אַ מענטש דאַרף זיך אויסלערנען בויען זיין שלום בית מיט׳ן רבוש״ע, זיי נישט ברוגז אויף אים! פאַרקערט, זיי אמת׳דיג מיט זיך! און זאָג עס אַרויס בפּה מלא: ״איך בין דורכגעפאַלן, איך האָב נישט געוואָלט עס טון, אָבער איך בין נכשל געוואָרן, רבוש״ע איך ווייס אַז דו האסט מיך ליב בכל אופן, העלף מיר איך זאָל ניצול ווערן פון מיין יצר הרע״.

ווען מען האָט אַ נאַטירליכע קשר מיט׳ן רבוש״ע העלפט דאָס אַז מ׳זאל קענען לעבן ווי אַ ריכטיגער איד. **דער רבוש״ע וויל האָבן אמת׳ע אידן, נישט מענטשן וואָס זענען בלויז מקיים חיצוניות׳דיגע מצות מעשיות.**

דער חילוק זעט מען זייער קלאָר אַז ביי אַזאַ איינעם - וואָס ער איז מקיים מצוות אויף אַ טרוקענעם אופן - איז דאָ טייל מצוות וואָס ער איז טאַקע מקיים אָבער ביי אַנדערע זאַכן איז ער שוואַך. די סיבה דערצו איז פּשוט, ווייל ער טוט נישט די מצוות צו בויען דורכדעם זיין קשר מיט׳ן רבוש״ע, נאר צו בויען זיין פּערזענליכע נאָמען, און אויב איז דאָ אַ זאַך וואָס העלפט אים נישט פאר זיין ׳כבוד׳, דאַן שפּירט ער נישט פאַר וויכטיג דאָרט צו משקיע זיין.

## מען דאַרף האָבן אַן אייגענע ׳נגיעה׳ נישט צו וועלן טון אן עבירה

ווען מען זעט אַ מענטש ווערט נכשל מיט דברים חמורים איינמאָל און נאָכאַמאָל, פרעגט מען ״היתכן, עס פּאַסט דאָך נישט פאַר אים״, אָבער די ריכטיגע שאלה איז: **״פאַרוואָס שטערט אים דאָס נישט? וויאַזוי קען זיין אַז די עבירה שטערט אים נישט?!״** -דער רבוש״ע וויל דאך אַז דער מענטש זאָל נישט ׳וועלן׳ עסן קיין מאכלות אסורות, ער זאָל נישט ׳וועלן׳ רעדן קיין שלעכטס אויף אַנדערע אידן, ווייל ער זאָל מורא האָבן: **״דאָס גייט מיך שטערן מיין שמונה עשרה, איך וויל דאָס נישט״.**

אַזאַ מענטש וועט זאָגן: ״איך האָב נגיעות אַז איך וויל נישט רעדן אויף קיין איד. נישט ווייל איך בין דער גרויסער ׳עובד׳, נאר ווייל איך האָב דאָס אַמאָל געטון און ס׳איז נישט געווען קיין באַ׳טעמט׳ע עסק דערנאָך! עס האָט מיך גענומען דריי טעג מיט עטליכע מקוואות ביז איך בין געקומען צו זיך! ס׳לוינט זיך מיר נישט. איך געדענק נאָך דעם ביטערן טעם יענעם שבת וואָס איך בין געווען טרוקן ווי האָלץ נאָכ׳ן טון אן עבירה״.

דאָס איז אַ איד וואָס דער רבוש״ע וויל! דאָס איז טייטש בויען ירושלים! דער מקונן וויינט אויף דעם. ער זאָגט אַז ס׳איז נעבעך טרוקן. ס׳איז נישטאָ גאָרנישט קיין פּנימיות אין ירושלים. און אַז ס׳איז נישטאָ קיין הארץ אין ירושלים איז דאך די שטאָט ממילא חרוב.

> **״די לעצטע זאַך וואָס איך זאָלט טון איז אַרויפגיין קיין אַרץ ישראל מיט אַ שיף, בויען דאָס לאַנד מיט אַ טראַקטאָר און זאָגן ״איך האָב שוין צוריק ירושלים״, ווייל דאָס איז דאָך דער היפוך פון דעם גאַנצן שיר השירים״!**

# איכה יעיב באפו את בת ציון; אידישע טעכטער דאַרפן אויך לעבן מיט אַ 'ירושלים' אין האַרץ

## נשי בעי חיי; די קרבת אלקים פון ירושלים באַלאַנגט אויך פאר פרויען

ווען מען רעדט אַז מיר דאַרפן אָנהויבן לעבן מיט אַזאַ הארץ צום אויבערשטן, איז דאָס נישט בלויז געאייגנט פאר מענער. דאָס איז פונקט אַזוי שייך פאר פרויען און קינדער. **זיי דאַרפן דאך אויך זיין "ירושלים'ער אידן"...**

ווען מען קוקט אין די פסוקים און אין די מדרשים פון איכה רעדט מען דאָרט אַסאַך וויאַזוי עס האָבן אויסגעקוקט די ירושלים'ער קינדערלעך. חז"ל דערציילן אונז פון זייער איידלקייט, פון זייער נאטורליכע קשר מיט'ן רבוש"ע.

ווייל די האַרץ פון ירושלים איז נישט געגעבן געוואָרן בלויז פאר אַ איד וואָס האָרעוועט שוין פופציג יאָר און איז אַ בקי בש"ס ופוסקים. **דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַר יעדעס אידיש קינד!** אויב ביזטו אַ איד, אויב ביזטו געשטאַנען ביים באַרג סיני, דאַן איז דאָס די אמת'ע אידישקייט וואָס דער רבוש"ע וויל פון דיר. אויף אַזאַ אידישקייט האָסטו געזאָגט "נעשה ונשמע"! ירושלים איז געווען פאר אַלע אידן, אויך פאר פרויען! זיי האָבן דאך אויך געברענגט קרבנות אין בית המקדש.

## אפילו פאַרנומענע מאַמעס קענען זיין נאָענט צו השי"ת

עס מאַכט זיך צומאָל ביי פרויען וואָס זענען ב"ה אַזוי פאַרנומען מיט די קליינע קינדער אַז ס'קומט זיי קיינמאָל נישט אויס צו קענען דאַווענען; ווידער איז פאַראַן פרויען וואָס טראָגן דעם עול פון פרנסה, כדי אַז זייערע מענער זאָלן קענען לערנען, און צוליב דעם איז זייער טאָג אַזוי אָנגעשטרענגט אַז ס'קומט זיי נישט אויס צו זאָגן אַ אידיש וואָרט. **אָבער דאָס איז אַ גרויסער פּראָבלעם!** ס'איז אַ פּראָבלעם אין אידישקייט!

מען קען דאָך נישט לעבן ווי אַן אמת'ער איד אויב מען געדענקט נישט דעם אויבערשטן און מען רעדט נישט מיט אים. אויב לעבט מען נישט מיט אַ קרבת אלקים ווערט מען דאָך אויטאָמאַטיש נכשל, דאָ אַ כעס, דאָ אַ נסיון, דאָ זוכט מען סתם אַזוי צו אנפולן אַביסל דעם נפש ווייל מען איז אַזוי טרוקן... אַ אידישע נשמה קען נישט לעבן אין אַ שטענדיגע גאַלאָפּ, אפילו אויב מען אַרבעט כדי אַז דער מאַן זאָל קענען לערנען תורה, **אויב איז מען בלויז פאַרנומען מיט 'השתדלות' און האָט מען נישט דאָס ביסל קשר מיט'ן רבוש"ע, איז דאָס אַ גלות'דיגע לעבן!**

יעדער איינער קען זיך טרעפן עצות, וויאַזוי זיך צו מאַכן צייט אַז מען זאָל יאָ רעדן מיט'ן אויבערשטן! אַמאָל וועט מען טאַקע דאַרפן מוותר זיין אויף אַנדערע זאַכן וואָס מען האָט געמיינט ביז יעצט אַז ס'איז מורא'דיג וויכטיג, **אָבער מען דאַרף זיך דאָך טרעפן מיט'ן רבוש"ע!** דאָס וואָס מען פירט זיך אַז נשים זענען פּטור מן התפלה[א], איז נאָר וויבאַלד זיי רעדן סיווי צום אויבערשטן אויף זייער שפּראַך, זיי דאַווענען און האָפן צו אים, מיט זייערע אידישע ווערטער.

וואו איז די טרערן - דורכגעווייקטע תהלים'לעך פון אונזערע באַבעס? וויאַזוי קען מען אַריינלייגן אידישקייט אין אונזערע קינדער אויב מען לעבט נישט מיט'ן רבוש"ע, און אַ גאַנצן טאָג איז מען בלויז פאַרנומען צו ערלעדיגן זאַכן; דאָ דאַרף מען אָנגרייטן אַ בר מצוה; דאָ אַ שבע ברכות; דאָ דאַרף מען אויפנעמען איינעם אין שטוב; דאָס איז דאך אַ חיצוניות'דיגע לעבן! **יעדע אידיש קינד דאַרף דאָך זיין אַן אינערליכע נשמה'דיגע איד!** אין ירושלים איז געווען מענער, פרויען און קינדער, אַלע האָבן געברענגט קרבנות, אַלע האָבן געהאַט 'קרבת אלקים' און אַלע האָבן זוכה געווען צו השראת השכינה! דאָס איז נישט קיין זאַך וואָס מיר מעגן מוותר זיין דערויף!

## צניעות באַדייט אָפּהיטן אויף די טייערע פּנימיות

דאָס איז דאך די גאַנצע ענין פון "צניעות" - וואָס אודאי דארף דאָס זיין אויפ'ן העכסטן פאַרנעם און אויפ'ן שטאַרקסטן אופן; צניעות באַדייט אַז מען היט אויף די איידעלע זאַך, מען לייגט אַ שמירה אַרום די דימאַנט פון אינעווייניג!

**וואָס איז די טייערסטע זאַך פון אַ אידיש קינד? דאָס האַרץ!** דער רבוש"ע האָט דאך געגעבן פאַר פרויען מער געפילן אַז זיי זאָלן עס קענען אויסנוצן אויף 'קרבת אלקים', אַנדעם וואָס זיי זאָלן דאַרפן דורכגיין די האָרעוואַניעס און יצר הרע'ס פון די מענער. זיי קענען גרינגער אָנקומען צו זיין נאָענט צום אויבערשטן! אָבער אויב דאָס פעלט דאַן איז מען חלילה טרוקן און חיצוניות'דיג, מען רעדט לשון הרע'לעך, און מען האָט נישט קיין לעבן.

די גאַנצע שפּראַך פון אַ איד דאַרף זיין 'אמונה', 'בטחון', און 'קרבת אלקים'. **אַזוי דאַרפן קינדער וואַקסן! קינדער דאַרפן זען ביי זייערע עלטערן אַז זיי באַקומען זייער חיות פון נאָענטקייט צום אויבערשטן!** מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה, נאר אַזוי קען מען בויען ירושלים, אַז מיר זאָלן נעמען חיות פון דעם פאַקט אַז "איך האָב געדאַוונט היינט, איך האָב זיך געטראָפן מיט'ן רבוש"ע היינט"! אַזוי וועלן מיר אַריינגיין אין אונזער אייגענע ירושלים, און נאר אַזוי וועט דאָס בית המקדש געבויעט ווערן!

## די שיר השירים'דיגע שפּראַך

ווי מען האָט דערמאַנט איז דאָס ממש די נקודה פון די 'שלש שבועות', וואָס דער רבוש"ע האָט באַשוואוירן כנסת ישראל נישט צו אַרויפגיין 'בחומה' מיט'ן כח הזרוע. **ווייל ירושלים בויעט מען נישט מיט קיין גשמיות'דיגע קרעפטן, נאר מיט'ן כח פון אידישע הערצער!**

וואו שטייט די 'שלש שבועות'? **אין 'שיר השירים'!** אין דעם ספר וואו עס ווערט דאָס מערסטע געשילדערט די אהבה צווישן כנסת ישראל מיט'ן רבוש"ע. דער אויבערשטער זאָגט אונז אין שיר השירים: "די לעצטע זאַך וואָס איר זאָלט טון איז אַרויפגיין קיין ארץ ישראל מיט אַ שיף, בויען דאָס לאַנד מיט אַ טראַקטאָר און זאָגן "איך האָב שוין צוריק ירושלים", ווייל דאָס איז דאָך דער היפוך פון דעם גאַנצן שיר השירים"!

שיר השירים זאָגט אונז: "ישקני מנשיקות פיהו כי טובים דודיך מיין". **דער רבוש"ע בעט זיך ביי אידישע קינדער אַז מיר זאָלן זיך מקרב זיין צו אים!** מיר זאָלן האָבן אַזאַ סאָרט הארץ וואָס איז מסכים צו אַוועקגעבן אַלעס פון זיך כדי צו ווערן נאָענטער צום אויבערשטן!

> **אבער ווילאנג וועלן מיר זיין אין גלות?! ווילאַנג וועלן מיר נישט כאַפּן דעם רמז?!**

## אויסנוצן דעם שב"ק מיט אַ פּנימיות'דיגע הארץ

אַז מען באַטראַכט די אַלע אויסגאַבעס פון ליין מאַטעריאַל וואָס געפינט זיך היינט אין אידישע שטיבער אום שבת ויו"ט. ס'איז טאַקע דאָ שיינע אויסגאַבעס, מעשיות פון צדיקים, מעשיות פון אמונה, וואָס העלפט אַז מען זאָל זיך קענען אליינס מחזק זיין און דאָס איבערגעבן פאַר די קינדער, אָבער אַ חלק דערפון איז דאך אַ שרעק, מען ליינט נייעס, צי אַנדערע סאָרט נאַרישקייטן און שטותים.

דער מענטש טראַכט: "איך בין דאָך נישט דער גרויסער בעל מדריגה, וואָס טו איך סך הכל? איך ליין נאר אַביסל נייעס"... **ס'איז דאך אָבער אַזאַ שאָד!** דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַ שבת ווייל ער וויל רעדן מיט אונז!

אַגאַנצע וואך זאָגט דער מענטש פאַר'ן אויבערשטן: "איך בין פאַרנומען, איך יאָג זיך, איך קען נישט, ווייל איך בין פארנומען". זאָגט אים דער אויבערשטער: **"ווייסטו וואָס ? 'לוו עלי ואני פורע'! איין טאָג נעם איך אויף מיר, אבי זאָלסט קענען רעדן מיט מיר. איך וועל דיך דעקן אַלע הוצאות פון דעם גאַנצן טאָג, ווייל איך וויל דיך אַביסל טרעפן!"**.

## דער רבוש"ע ווארט אויף אונז יעדן שבת

לאָמיר זיך אַביסל פארשטעלן וויאַזוי עס קוקט אויס ווען ראובן וויל זייער שטאַרק רעדן מיט שמעון אָבער שמעון זאָגט אים: "כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט רעדן מיט דיר אָבער איך בין זייער פאַרנומען". זאָגט אים ראובן: "וויפיל פאַרדינסטו אַ טאָג, צוויי טויזנט דאָלער? איך געב דיר צוויי טויזנט דאָלער במזומן, און לאָמיר זיין צוזאַמען אויף אַ טאג, לאָמיר פארן צום וואַסער און רעדן צוזאַמען, מיר זענען דאָך אַזוי נאָענט, מיר האָבן געלערנט צוזאַמען אין ישיבה... לאָמיר אַרויסגיין שפּאַצירן און זיך דערמאַנען די גוטע צייטן".

ראובן גיט אים טאַקע די צוויי טויזנט דאָלער, און ס'קומט אָן די באַשטימטע צייט. ער ווארט ביים וואַסער, שמעון קומט אָן, ער נעמט אַרויס עטליכע

---

א. ראו בשו"ע או"ח סי' קו, ב שנשים חיבות בתפילה מעיקרא דדינא, וראה שם במג"א ס"ק ב שמנהג רוב הנשים לבקש בקשה מיד בבוקר סמוך לנטילה.

אויסגאַבעס און הייבט אָן ליינען נייעס מיט שטותים. זאָגט אים ראובן: "איך האָב דיך גערופן ווייל איך האָב געוואָלט רעדן מיט דיר". - אָה, שמעון לייגט עס אַוועק, און הייבט אָן צו זיך אַרומקוקן אויף אַלע זייטן... בעט אים ראובן: "קוק אויף מיר, רעדט צו מיר". - אָבער שמעון דרימלט איין...

דער רבוש"ע זאָגט: **"איך גיב דיך אַ שבת, ווייל איך וויל זיין מיט דיר!"**. שבת איז נישטאָ קיין גלות, שבת איז גאולה, אַזוי זאָגט דער **תפארת שלמה** (שבת חזון), ווייל דער אויבערשטער וויל אַז יעדער איד זאָל פּראַוועוון שבת אַזויווי אין בית המקדש.

נו, אויב אַזוי איז דאך נישטאָ קיין תירוץ אַז מ'האַלט יאָ ביי דער מדריגה אָדער מ'האַלט נישט ביי דער מדריגה... אפילו אויב מען האַלט נאָכנישט דאָרט דאַרף מען זיך אָבער כאָטש מתבונן זיין אַז ס'איז נישט קיין יושר זיך אַזוי אויפצופירן שבת!

**וועלכער איד קען דען נישט אַרויסנעמען אַ תהלים'ל און שבת און דאָס אויסזאָגן?!** ס'איז דאָ אַ איד וואָס קען דאָס נישט באַווייזן? ס'איז דאך אַזעלכע לאַנגע שבתים!

עס איז דאָ אַסאַך דרכים צו נענטער ווערן מיט'ן אויבערשטן שבת, **איינער לערנט אַפּאָר בלאַט גמרא תוספות, אַ צווייטער זינגט שירות ותשבחות און איז זיך מחזק מיט אהבת חברים**, אָבער אפילו אויב דער מענטש האָט נישט קיין קאָפּ צום לערנען און ער איז נישט אין קיין מצב פון זינגען זמירות, האָט ער דאָך אַ תהלים, **ער קען רעדן צום אויבערשטן!** אַזוי שטייט דאך אין די ספרים הק', אַז שבת זאָגן די מלאכים נישט קיין שירה, ווייל אידישע קינדער נעמען זיי איבער!

## אַז ס'איז נישטאָ קיין הארץ איז נישטאָ קיין ירושלים

דער עיקר וואס ליגט אויף אונז איז צוריק צו בויען אונזער קשר מיט'ן רבוש"ע! מען דאַרף מחנך זיין אונזערע קינדער אויף דעם, מען דאַרף רעדן דערפון קלאָר און לעבן דערמיט. **דער רבוש"ע וואַרט שוין אויף אונז!** ער וויל האָבן אידן וואָס האָבן אַ רצון צו זיין נאָנט מיט אים, אידן וואָס זענען ממאס כבוד מיט געלט און ווילן דעם רבוש"ע אליינס.

ליידער ווען אידן האָבן פאַרגעסן וואָס דאָס הייסט אַן אמת'ער ירושלים'ער הארץ, האָבן אידן געזינדיגט מיט די אַלע מכשולות, דאָס איז געווען אַ סימן אַז זיי זענען נישט קיין מבקשי ה'. דעמאָלט האָט זיי דער רבוש"ע געזאָגט: **"אויב אַזוי דאַרף מען דאָך נישט קיין בית המקדש, מען דאַרף נישט קיין ירושלים, אַזאַ סאָרט איד קענט איר זיין אויך אין חוץ לארץ"!**

דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז ער גייט נישט חלילה פאַרלענדן אידן, אָבער אויב ענק ווילן לעבן אַזאַ אידישקייט קען מען עס נישט טון דאָ אין בית המקדש! **דאָ קען מען נאר לעבן אַ שיר השירים'דיגע לעבן, אויב איר ווילט נישט, וועט איר מוזן גיין אין גלות און דאָרט לעבן אַ חוץ לארץ'דיגע לעבן.**

אָבער ווילאַנג וועלן מיר זיין אין גלות?! ווילאַנג וועלן מיר נישט כאַפּן דעם רמז?! לאָמיר יאָ פאַרשטיין דעם אמת! דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן לעבן מיט אַ נאָנטקייט צו אים!

ג

# ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה; ס'איז שוין די העכסטע צייט צו ווערן מקושר מיט די ירושלים פון אונזער נשמה

## בויען אַ קשר מיט'ן רבוש"ע שטאַפּל נאָך שטאַפּל

אודאי קען מען דאָס נישט טוישן אויף איינמאָל, אָבער **יעדער מענטש קען אָנהויבן מיט קליינע שטאַפּלען בויען זיין קשר מיט'ן דעם אויבערשטן.** מען קען נעמען איין זאַך אויף אַמאָל, און דאָס מאַכן פאַר אַ כלי צו התקרבות לה'.

אַלס די ערשטע שטאַפּל קען אַ איד טוישן די וועג וויאַזוי ער דאַווענט. ווייל דאַווענען איז דאך געמאַכט פאַרדעם, צו ווערן דבוק צו השי"ת! פון יעצט וועט ער שוין נישט 'אַריינפאַלן' אין אַ דאַווענען, ער וועט צוגיין דערצו מיט אַ התבוננות אַז ער האָט יעצט די געלעגנהייט צו רעדן מיט'ן רבוש"ע. ביים דאַווענען וועט ער זיך פאָרשטעלן אַז ער רעדט פערזענליך צום אויבערשטן בלשון נוכח, כעומד לפני המלך!

נאָך אַן עצה איז אַז דער איד געוואוינט זיך איין צו זאָגן עטליכע קאַפּיטלעך תהלים יעדן טאָג, און דערביי אינזין האָבן די טייטש. אַזוי וועט ער עפענען זיין קשר מיט'ן רבוש"ע.

דאַן איז פאַרהאַן אַ מהלך, אַז אפילו ווען דער מענטש טוט נאָך פאַרשידענע עבירות און שלעכטע געוואוינהייטן, וועט ער זיך נישט באַהאַלטן דערפון. **אפילו ער האָט נאָכנישט קיין עצה וויאַזוי זיך צו באַפרייען דערפון און ער זעט נישט אַז ער גייט היינט זיין אַ צדיק גמור, אָבער ער באַהאַלט זיך נישט פונעם אויבערשטן!** ער וועט זיך נישט אָנשטעלן אַ פּנים כאילו ס'האָט דאָ גאָרנישט פאַסירט! נאָר ער רעדט דערוועגן מיט'ן אויבערשטן - "איך ווייס אַז כ'בין נישט גערעכט, כ'האָף אַז איך גיי עס קענען פאַררעכטן ווייל איך וויל זיין נאָנט צו דיר, אָבער כ'האב נאָכנישט דעם וועג, רבוש"ע העלף מיר דאָס טרעפן"!

## לאָמיר אָנהויבן בויען די 'פּנימיות'דיגע ירושלים'

דער מענטש זאָל זיך מתבונן אַז דאָס איז וואָס דער רבוש"ע וויל פון מיך. ער וויל מיין קשר! סיי דורך 'עשה טוב' און סיי דורך 'סור מרע'.

די ערשטע שטאַפּל צוריק אויפצובויען דעם קשר איז ווען מען אַנערקענט וואָס דאָ האָט פאַסירט. ווען מען מען וויל שלום מאַכן צווישן צוויי מענטשן, זעצט מען זיי אַראָפּ ביי איין טיש און מען פרעגט יעדן באַזונדער: "דו פאַרשטייסט פאַרוואָס דאָס איז געשען?! זעהסט איין אַז האסט געזאָגט עפּעס וואָס מען דאַרף נישט?!".

די קומענדיגע שטאַפּל איז זיך צו אָפּשאָקלען פון די שלעכטע זאַכן אויף למעשה. דער מענטש דאַרף אָנקומען צו אַ מצב, אַז ער זאָל נישט וועלן טון קיין 'סור מרע', נישט בלויז ווייל ס'איז אַן עבירה, נאר ווייל דאָס שטערט אים פון קרבת אלקים! ער זאָל זאָגן: **"איך ווייס אַז יענע זאַך איז מיך מגשם. איך וויל דאָס אַרויסנעמען פון מיין לעבן. עס שלעפּט מיך אַראָפּ, איך גיי נישט אזוי קענען דאַווענען, איך גיי נישט אַזוי קענען פראַוועון מיינע שבתים"!** דאָס זעלבע קען זיין נוגע לגבי אַ געוויסער מענטש: - **"איך ווייס אַז יענער מענטש שלעפּט מיך אַראָפּ, דער שיג ושיח זיינער איז נישט גוט פאר מיין עבודת ה'"**.

אַזאַ איד - וואָס פאַרשטייט אַז דער גאַנצער ציל פון אַלע תרי"ג מצוות איז צו בויען אַ נאָנטע פערזענליכע קשר מיט'ן רבוש"ע - ער איז אַ ריכטיגער 'מתאבל על ירושלים'! **ער וויינט ווען ער זעט ירושלים בחורבנה!** עס טוט אים וויי זיין אייגענע מצב: - "קוק וואָס פאַראַ רוחניות'דיגע כח אַ איד האָט, און זעה וויאַזוי איך קוק אויס! איך וויל נישט אַזוי אויסזען. העלף מיך רבוש"ע אויפבויען ירושלים!".

לאָמיר אָנהויבן בויען ירושלים, און טאַקע די פּנימיות'דיגע ירושלים, די 'ירושלים של מעלה' וואָס געפינט זיך אין די נשמה פון יעדן איד! לאָמיר אַביסל ריינִיגן דאָס האַרץ מיט אַ 'שברון לב' און מיט אַ 'הרהור תשובה', לאָמיר אַריינעמען אין זיך נאָך אַביסל תורה, נאָך אַביסל תפלה, זאַכן וואָס קומען אן אַביסל שווער,אַלעס כדי צו ריינִיגן דאָס האַרץ! **לאָמיר נישט בלויז זוכן די תורה, נאר אויך דאָס וואָס ליגט באַהאַלטן אין דער תורה!** די קשר מיט השי"ת וואָס מען קען טרעפן אין דער תורה!

## יעדער איד קען מגלה זיין דעם 'מלך' וואָס איז באַהאַלטן אין דער תורה

דאָס איז דער יסוד וואָס אַלע צדיקים האָבן שטענדיג גע'חזר'ט: - "איך וויל דאָס וואָס ליגט אין די תורה און תפלה"!

דער **זוהר הק'** אין פּרשת בהעלותך, איז דאָס מדמה צו אַ שוטה וואָס ווען ער זעט דעם פּאַלאַץ פונעם קעניג, טראַכט ער אַז דאָס איז דער קעניג; אָבער דער חכם ווייסט אַז דאָס איז נישט דער קעניג, דאָס זענען בלויז די ווענט אַרום! ווען מען גייט נענטער און מען זעט שוין די לבושים פונעם קעניג, טראַכט דער שוטה ווייטער אַז דאָס איז דער קעניג; אָבער **דער חכם ווייסט אַז דאָס איז בלויז אַ לבוש, דער אמת'ער חכם ווייסט אַז די אַלע אַרומיגע זאַכן זענען בלויז אַ סימן אַז אינעווייניג געפינט זיך דער קעניג!**

אַ איד מיט ירושלים אין זיין האַרץ זאָגט אַלעמאָל: **איך וויל זען דעם קעניג אליינס!** - איך וויל נישט בלייבן ביי דעם אַז נאָך מיינע הונדערט און צוואָנציג יאָר זאָל מען קענען זאָגן 'פשש... ער האָט געלערנט אַזויפיל און אַזויפיל מסכתות און ער האָט אפילו געענדיגט ש"ס'... ניין, נישט דאָס וויל איך אָנקומען! איך וויל נישט אַ חיצוניות'דיגע לעבן אַזוי ווי די מענטשן אַרום מיר. **אודאי געוויס, אויב קענען ש"ס וועט מיך ברענגען נענטער צום אויבערשטן, וויל איך קענען ש"ס, אָבער דעמאָלט וועט קיינער נישט דאַרפן וויסן דערפון...**

אַזאַ איד לערנט תורה ווייל ער וויל דאָרט טרעפן דעם אויבערשטן. ווען ער זעט דברי מוסר אין די ווערטער פון חז"ל כאַפּט ער זיך צו דערצו: **"אָה, דאָס רעדט צו מיר, דאָס ווייזט מיר מיין טעות, איך וויל דאָך נישט לעבן ווייטער אין אַ טעות, ווייל וואָס וועל איך האָבן דערפון? היעלה על הדעת אַז איך וועל ווייטער אַרומגיין מיט מיין גאוה עד זיבולא בתרייתא?"**.

אַזאַ איד דארף נישט די חיצוניות'דיגע סיפּוק. ער דאַרף נישט אַז מען זאָל אים אויסרומען אַז ער האָט מקיים געווען די מצוה מיט יענע מצוה. ווייל מען פאַרקויפט דאך דורכדעם די מצוות פאר אַ 'נזיד

עדשים׳. **ס׳איז אַ שאָד, האסט שוין יאָ משקיע געווען אַזויפיל כח צו מקיים זיין די מצוה, פאַרוואָס זאָלסטו כאָטש נישט נתקרב ווערן דורכדעם צום רבוש״ע?!**

## ווען ס׳איז דאָ אַ ׳מפסיק׳ דעמאָלט צינדט זיך נישט אָן די עלעקטעריק

היינט האָט אונז דער רבוש״ע געגעבן דאָס צו פאַרשטיין מיט אַ משל, ווען מען שטעקט אַריין אַ ׳ווייער׳ אין אַ ׳פּלאָג׳, אויב ליגט דאָרט אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס איז מפסיק צווישן דעם אייזן מיט׳ן ׳פּלאָג׳ וועט די עלעקטעריק נישט אַרבעטן און ס׳וועט נישט ווערן לעכטיג. עס דאַרף זיין אַ ריכטיגער חיבור.

ווען דער מענטש לערנט און דאווענט, אָבער אַ חלק פון זיין אידישקייט טויג נישט, צי מיט כעס, מדות רעות, דיבורים אסורים, ראיות אסורות, **איז דאָס אַ ׳מפסיק׳, וואָס האַקט אָפּ דעם אור פון השי״ת!**

ער לערנט טאַקע, ער טוט מצוות, אָבער די עלעקטעריק צינדט זיך נישט אָן, ווייל **וואו איז דיין קרבת אלקים?!** אַ לעבן פון טעכנישע מצוות איז אַ גלות׳דיגע לעבן און מיר מוזן שוין ווערן אויסגעלייזט! מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה! **׳בכו תבכה בלילה׳** - אויף אַ לעבן וואָס האָט נישט קיין קרבת אלקים! **׳אין להם מנחם׳** - ס׳איז די גרעסטע ווייטאָג אַזאַ סאָרט לעבן!

## די געוואַלדיגע קינה אויף די ׳בני ציון היקרים׳

דער נביא איז מקונן: **״איכה יועם זהב״** - וויאַזוי איז פאַרטונקלט געוואָרן דאָס גאָלד. **״ישנא הכתם הטוב״** - וויאַזוי איז פאַרענדערט געוואָרן די שיינע אויסקוק פון טייערע שטיינער. **״תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות״** - עס וואַלגערן זיך די הייליגע שטיינער אויף אַלע גאַסן.

בפשטות רעדט דער פסוק איבער די שיינע שטיינער פון דעם בית המקדש און ירושלים, אָבער באַלד אין דעם קומענדיגן פסוק פאַרציילט דער פסוק פון וועמען ער רעדט דאָ: **״בני ציון היקרים המסולאים מפז״**, איך רעדט פון די בני ציון! אידישע קינדער זענען דאָך געווען אַזוי טייער און אַזוי דערהויבן, אָבער יעצט: ״איכה נחשבו לנבלי חרש מעשה ידי יוצר״. קוק וויאַזוי זיי פירן זיך אויף, אַז זיי זענען פאַרנומען טראַכטן וואָס אַנדערע זאָגן און האַלטן וועגן זיי. **דאָס איז אַ בן ציון?!** דאָס איז דאָך די שטאַרקסטע ראי׳ אַז זיי האָבן נישט קיין קרבת אלקים.

אויב וואָלט דער מענטש געהאַט אַ טעם אין דאַווענען, וואָלט דאך אים געעקלט די אַלע חנופה און כבוד! אויב וואָלט ער געהאַט אַ ׳קרבת אלקים׳ וואָלט אים דען אָנגעגאַנגען די אַלע שטותים?

אויב וואָלט ער טועם געווען אַ טעם אין אַ שמונה עשרה וואָלט ער זיך בכלל נישט מתייחס געווען צו דעם וואָס פלוני זאָגט, און אויב איינער וואָלט אים פאַרשעמט וואָלט ער בכלל נישט געשפירט נישט קיין ׳יסורים׳ און נישט קיין ׳קבלת יסורים באהבה׳... ער וואָלט ניטאַמאָל געוואוסט אַז ער האָט יעצט ׳כפרת עוונות׳... ווייל וואָס איז אים בכלל מעלה אָדער מוריד וואָס יענער האָט געזאָגט, **ער קומט דאך יעצט פון אַן אוידיענץ מיט׳ן רבוש״ע!** זיין נפש איז פול מיט דביקות אין השי״ת, וואָס איז אַזויפיל מאָל שטאַרקער פון אַלע אַנדערע נאַרישקייטן!

## מיר דאַרפן בלויז אויפהערן לעבן גלות׳דיג

דער רבוש״ע האָט אונז געגעבן זיין תורה און זיינע מצוות, און ער האָט אונז געזאָגט: **״עץ חיים היא למחזקים בה ותומיכה מאושר- דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום״.** דאָס הייסט אַז ס׳איז נישטאָ קיין מער געשמאַקערע און זיסערע תענוג דערפון!

די תורה רעדט צו יעדן איד און זאָגט אים: **״כי קרוב אליך הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו״** - הייב אן גיין צוביסלעך און דו וועסט אָנקומען דאָרט! ׳כי קרוב אליך׳ איז נישט טייטש אַז ס׳איז גרינג צו אָנקומען צו די גמרא אָדער צו די מצוה, נאר **אַז ס׳איז לייכט אָנצוקומען צום רבוש״ע!** די נקודה פון אידישקייט איז זייער נאָנט צו אונז!

מיר דאַרפן בלויז אויפהערן לעבן גלות׳דיג, און אָנהויבן טראַכטן וואָס איז באמת וויכטיג אין לעבן. מיר דאַרפן זיך דערמאַנען וואָס וויל דער אויבערשטער פון אונז: **״מה ה׳ אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה וכו׳״**, ער וויל אַז מיר זאָלן שפּירן צו אים אַזאַ נאנטקייט אַז אפילו ווען מיר טרעפן זיך דערווייטערט זאָלן מיר ווייטער אַנטלויפן צוריק צו אים! **״ה׳ עוזי ומנוס לי״- ווען איך האָב אַ פּראָבלעם לויף איך נישט צו דעם אָדער יענעם, איך לויף בלויז צום רבוש״ע!**

## מען קען זען בחוש די התגלות ה׳ אין דער תורה

דער רבוש״ע איז זיך מגלה פאַר׳ן יעדן איד דורך די הייליגע תורה! ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין די אותיות התורה, ווי חז״ל זאָגן: (שבת קה, א) **״אנכי נוטריקון אנא נפשי כתבית יהבית״.**

אַמאָל מיינט מען בטעות, אַז דאָס איז עפּעס אַ העכערע זאַך ׳על פי סוד׳, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט מיר און מיר קענען דאָס נישט משיג זיין, אָבער דער רבוש״ע האָט אונז דאָס פאַרציילט ווייל ער האָט געוואָלט אַז אונז זאָלן פאַרשטיין אַז דאָס זענען נישט קיין העכערע זאַכן: **״דו גייסט מיך באמת טרעפן אין דער תורה! וועסט עס זען בחוש!״.**

ווען אַ מענטש לערנט ׳תורה לשמה׳, אפילו די פּשוט׳סטע מדריגה דערפון, דהיינו כדי צו ווערן נתקרב לה׳ אָדער צו רייניגן זיין נשמה, **טרעפט ער דאָרט דעם אויבערשטן און ער זעט דאָס עין בעין!** דער רבוש״ע וועט אים מזמין זיין בהשגחה פּרטיות אַז ער זאָל טרעפן לימודים איבער אַלעס וואָס ער דאַרף פאַררעכטן. ער וועט זיך ממש וואונדערן און פרעגן: ״וויאַזוי האָט דער רבוש״ע מיך יעצט געשיקט פונקט דעם פסוק, אָדער פונקט דעם רש״י, וואָס איך דאַרף יעצט אַזוי וויכטיג האָבן ? אָה, השי״ת ווייסט גוט מיינע חסרונות״... **ער וועט טרעפן דעם רבוש״ע אין זיין סידור, אין זיין חומש און זיין גמרא, איבעראָל וועט ער טרעפן די ריכטיגע וועג צו ווערן אַן ערליכער איד.**

> **וואָס איז אים בכלל מעלה אָדער מוריד וואָס יענער האָט געזאָגט, ער קומט דאך יעצט פון אַן אוידיענץ מיט׳ן רבוש״ע!**

שפּעטער וועט זיין גאַנצע שפּראַך געטוישט ווערן אויף אַן אַנדערן אופן זיין צוגאַנג מיט מענטשן וועט זיין אַנדערש. **מיינט דאָס אַז ער גייט שוין קיינמאָל נישט נכשל ווערן מיט גאָרנישט, במחשבה, דיבור ומעשה?! ניין!** ווילאַנג ער געפינט זיך אויף דער וועלט האָט ער דאָך אַ יצר הרע, אָבער ער איז שוין כאָטש נישט קיין אָפּגעפרעגטער מענטש! **ער שטייט נישט אינדרויסן פון ירושלים!** ער רעדט מיט׳ן אויבערשטן און ברענגט קרבנות. ער זאָגט אים: ״היינט האָב איך געהאַט אַ נישט גוטע מחשבה, איך דאַרף ברענגען אַ קרבן עולה, יהי רצון שייחשב לי כאילו הקרבתי עולה״.

## דער חילוק פון אַ איד וואָס געפינט זיך אינדרויסן אָדער אינעווייניג

משל למה הדבר דומה: ווען מען לערנט אַ סוגיא אין די גמרא, איז דאָ מענטשן וואָס שווימען אין דער סוגיא מיט אַ געשמאַק, אָבער אַמאָל איז ער זיך טועה מיט אַ געוויסע הבנה. ווידעראום איז דאָ מענטשן וואָס דו זעהסט אַז ער איז בכלל נישט דאָהי, ער פאַרשטייט אינגאַנצן נישט וואָס מ׳רעדט דאָ.

אָט אַזוי איז פאַרהאַן מענטשן וואָס דרייען זיך אַרום אידישקייט **אָבער זיי זענען נישט ׳דאָ׳! זיי געפינען זיך נישט אינעווייניג אין ירושלים!** דער רבוש״ע בעט פון אונז אַן אמת׳ע פנימיות׳דיגע אידישקייט, און ווען מיר וועלן בויען אַזאַ אידישקייט וועט דאָס בית המקדש אויפגעבויעט ווערן!

דאָס איז נישט קיין סגולה, דאָס איז נישט קיין זאַך וואָס שטייט אין עפּעס אַ ספר, נאר דאָ ליגט די גאַנצע נקודה, ווען אַ מענטש היט זיך אָפּ זיינע אויגן זאָגנדיג: ״איך וויל נישט קוקן, ווייל איך וועל נישט קענען דאַווענען נאָכדעם, איך וועל גאָרנישט האָבן״. ער שפּירט דאָס בחוש.

## ׳יראה׳ נישט צו פאַרלירן די ׳אהבה׳

אַזוי האָבן צדיקים געזאָגט אַז די אמת׳ע ׳יראה׳ וואָס אַ איד דארף האָבן איז **די ׳יראה׳ אַז ער וויל נישט פאַרפּאַטשקענען די ׳אהבה׳ מיט׳ן אויבערשטן.**

יעדער איינער קען אָנקומען דערצו; מענער, פרויען און קליינע קינדער. ביי קינדער איז עס טאַקע לפי ערך, ווייל מ׳דאַרף דאך האָבן דעת דערצו און ׳חיבור׳ דארף ׳דעת׳, אָבער פרויען קענען דאך זיכער זיין דערביי. פרויען מעגן דאך מאַכן אַ קנין מן התורה! **פון וואו קומט די טעות אַז פרויען קענען לעבן מיט אַזאַליידיגקייט?! דאָס האַרץ, די נשמה, דאָס פּינטל, פון אידישקייט דאַרף דאָך ווערן געבויעט!**

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאָלן קענען בויען דעם בית המקדש, דער באַשעפער ווארט דאך פאַר אונז! **די אהבה וואָס דער אויבערשטער האָט צו אונז קען מען זיך נישט פארשטעלן!** בפרט אין דעם טאָג פון ׳תשעה באב׳ ליגט דאך באַהאַלטן אַזאַ ׳אורו של משיח׳.

זאָל אונז השי״ת העלפן אַז מיר זאָלן זיך קענען אויפהייבן און נענטער ווערן צו אים. ער וועט זיכער עס אָננעמען און אונז אויסלייזן. דעמאָלט וועט מען זען ווי נאָנט מ׳קען אָנקומען, ווען מיר ווען מיר וועלן זיך טרעפן מיט׳ן רבוש״ע! עס וועט זיין אַזאַ שמחה. ׳ישמחו השמים ותגל הארץ ויאמרו בגוים ה׳ מלך׳ - **די גאַנצע בריאה וועט אויפגעהויבן ווערן ווען אידן וועלן צוריק קומען צום רבוש״ע!** יעדער איינער קען אָנקומען צו די תשובה, פון וואו ער געפינט זיך קען ער בעטן: ״באַשעפער העלף מיר איך זאָל מיך קענען מקרב זיין צו דיר!״. דער רבוש״ע וועט אים זיכער אויסהערן און אים געבן די סייעתא דשמיא, ביז מיר וועלן זיך שוין אינגיכן טרעפן אין דעם בית המקדש, און זיך טרעפן מיט׳ן רבוש״ע, במהרה בימינו אמן.



להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה״ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הבינני: ארה״ב – 718.686.8300 | א״י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223